START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Kodak

Microfilmed 2005
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION

PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2005-1903.9

Milstein, Morris.
Tsvey komandirn: a krigs-
shpil in dray bilder, epilog.
In: Dramatishe shriftn.
New York, 1934-1951. Vol. 2.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2005- 1903.9

Milstein, Morris, 1885-
Tsvey komandirn: a krigs-shpil in dray bilder, epilog.
In: Dramatishe shriftn / Moris Milshteyn.
New York : Farlag Kesef Verzahav, 1934-1951.
2 v. ; 20 cm.
Vol. 2. Pp. 1-25.

1. Yiddish drama.--lcsh
I. United States-New York-New York

ID : NXYH01-B2309 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /3735

Reduction ratio X10.0

MICROFORMA 489-1303.2

דראַמאַטישע שריפֿטן

צווייטער בוך

פון

מאָריס מילשטיין

פאַרלאַג כסף וזהב

ניו יאָרק, 1951.

9/2/52

צו מיין ליבן חשובֿן פֿריינט הר. י. [illegible] —
דעם מייסטערליכן [illegible] פֿון ליטעראַרישע ווערטן.

מיט טיפֿן דרך ארץ —

מ. מילשטיין

צו מיין ליבער מוטער —

חוה בת משה!

מתתיהו בן דוד צבי.

COPYRIGTH, 1951,
BY
MORRIS MILSTEIN

די וואָס ווילן זיך באַנוצן מיט דעם בוך אין דער עפנטלעכקייט,
זענען געבעטן צו מעלדן זיך פאַר אַ דערלויבעניש פון פאַרפאַסער.

אדרעס:

MORRIS MILSTEIN
289 Vermont St.
B'klyn, N. Y.

Printed in Uruguay

צוויי קאָמאַנדירן

(אַ קריגס-שפּיל אין דריי בילדער. עפּילאָג).

1918

אינהאַלט:

צוויי קאָמאַנדירן.

אַ שפּיל אין מיינונגען.

מערדערשע לצנות.

יעפים אַלעקסאַנדראָוויטש.

מענטש, לעבן, נאַטור.

פּערזאָנען:

ברודער שטראַל: (ערשטער קאָמאַנדיר).

נאָכפאָלגער.

אַלטיטשקער.

פראַנט.

אומרעכט. (צווייטער קאָמאַנדיר).

חילות.

ערשטע בילד

(זומער. אַ גרין רחבותידיק פעלד. פון איין זייט איז דער הימל פאַרכמאַרעט. שוואַרצע וואָלקנס קלייבן זיך צונויפֿ מען אין מאַסן. און פון דער צווייטער זייט הימל שפרייט זיך אַ פאַרחלומיטע, זוניקע ליכטיקייט. פון דער לעצטער ריכטונג הערט זיך דאָס שפילן „די ליד צום אָוונט-שטערן" פון וואַגנערס „טענאַהוזער". דאָס שפילן דערנענטערט זיך אַלץ נענטער און נענטער).

ברודער שטראַל: (ערשטער קאָמאַנדיר; איז אָנגעטאָן אין אַ ליכטיקן מאַנטל. קומט אָן פון דער זוניקער זייט — פאַרטראַכט און געלאַסן. הינטער אים קומט אונטער רואיק אַ קליינע צאָל נאָכפאָלגער. אַלע טראָגן מיט זיך שווערדן און שפיל-אינסטרומענטן. די שפיל-אינסטרומענטן אין די הענט, און די שווערדן אין די שיידן אויף רימענס איבער די אַקסלען. טרעטן אויף שפילנדיק. — פון דער צווייטער זייט וואָס אַנטקעגן, דערטראָגט זיך פון ווייט דאָס שאַלן פון טראָמפּעטן און דער טאַקט פון אָנקומענדיקע שווערע טריט פון אַ גרויסער מיליטערישער מחנה. — ברודער שטראַל שטעלט אָן זיינע בליקן צו דער דערמאָנטער ריכטונג; די אויגן אָנגעשפיצט מיט דעם פייער מיט וועלכן מען קוקט אויף אַ שונא. גיט אַ צייכן צו זייניקע זיך אָפּצושטעלן).

אלע: (הערן אויף שפילן, שטעלן זיך אויס אַרום קאָמאַנדיר).

ברודער שטראַל: (דורך אַ וויכן און דאָך ווירקזאַמען טאָן) הערט אויס, מיינע ברידער, וואָס איך האָב אייך צו זאָגן. הערט זיך איין צו אייער קאָמאַנדיר און לערער, וועלכן איר אַליין האָט אויסגעקליבן און רופט אים — ברודער.

— ברודער שטראַל!

— יאָ, אונדזער וועגווייזער, מיר הערן!

— מיר אונטערוואַרפן זיך דיין יעדן וואָרט!

ברודער שטראַל: ווייסט איר אייער אויפגאַבע אַצינד? ווייסט איר צוליב וואָס מיר זענען אַהער געקומען?

— יאָ, מיר ווילן דאָס וויסן!

— דיין וואָרט איז אונדזער תורה!

ברודער שטראָל: (אָנצייגנדיק אויף לינקס) קוקט! זעט איר אַט דאָרט יענע שוואַרצע כמאַרעס?

— יאָ, מיר זעען!

— מיר זעען!

פראַנט: (אַ זאַטער, אויסגעפּוצטער בחור, מיט רויטע באַקן און מיט רינגען אויף די פינגער; אינדערשטיל צו אַ צווייטן, אַן אַלטיטשקען). וואו?

אַלטיטשקער: (מיט אַ פאַרבערדלט פּנים, און מיט אַ שטעקן אין דער האַנט). איך זע גאָרנישט. (פאַרהוסט זיך).

— (צו די לעצטע) ש־ש־ש!...

עטלעכע: (איינצייטיק, אויף אַמאָל) יאָ, מיר זעען כמאַרעס!

ברודער שטראָל: קוקט! דאָרט וואו ס'איז פינצטער, דאָרט איז דעם טייוול'ס קעניגרייך.

פראַנט: (שטיל, צום אַלטיטשקן) אַ וואָס? וואָס פאַר אַ קעניגרייך? וואָס פאַר אַ טייוול?

אַלטיטשקער: (ציט מיט די אַקסלען) כע, כע, כע...

ברודער שטראָל: (אָנגייענדיק) „פּאָטער" רופט ער זיך! אָבער זיין נאָמען איז — אומרעכט. ער איז דאָס דער אייביקער, איינציקער שונא, וועלכער וויל אונדז באַהערשן.

עטלעכע: טויט און פאַרניכטונג צו אים!

אַנדערע: אונדזערע קעפּ וועלן מיר לייגן פאַר אונדזער פרייהייט און ערע!

— אונדזער אַרבעט איז אונדז הייליק!

ברודער שטראָל: וועט איר שווערן דערויף?

אַלע: יאָ, אונדזער לערער און ברודער! (מיט אויפגעשטעלטע הענט) מיר שווערן! שווערן!

פראַנט, אַלטיטשקער: (טוען דאָס — צוריקגעהאַלטן).

ברודער שטראָל: און ווייסט איר, חברים, וואָס אונדזער כלי־זיין דאַרף זיין אין אונדזער הייליקן קאַמף?

— די שווערד!

ברודער שטראָל: יאָ, די שווערד, אָבער ניט בלויז די שווערד. די וועלכע שלאָגן זיך אונטער מיין פאָן, מוזן געדענקען:

אונדזער וואָפן איז דאָס ערשטע — בילדונג, געבעט און גערולד. און יאָ, צולעצט אויך די שווערד.

— דאָס איז אמת!

— די גערעכטיגקייט!

ברודער שטראָל: איצט, ברידער, הערט ווייטער: איך האָט געשוואוירן צו קעמפן מיט אונדזער אייביקן שונא, דער פּוזאַטע וואָרים, וועלכער רופט זיך „פּאָטער"; יאָ, דער פּאָטער פון פינצטערניש, דער קעניג פון פאַלשקייט, מערדעריי און ערגסטער געמיינהייט. דער וועלכער שטרעבט פון אַלע יאָרן צו פאַרטונקלען אונדזער ליכט און מיט שוואַרצקייט פאַרפלעקן אונדזער זון — דעם אמת און פאַר־ישרים. דער וועלכער זוכט צו באַזיגן אונדז און צעשטערן אונדזערע היימען... וועט איר קעמפן מיט אים?

אַלע: יאָ, אונדזער ליבער קאָמאַנדיר! מירן קעמפן!

ברודער שטראָל: ביזן לעצטן טראָפּן בלוט?

פראַנט: (צום אַלטיטשקן) בלוט?! פאַרוואָס!

אַלטיטשקער: אָן קיין בלוט גייט עס ניט...

פראַנט: גלייך ווי בלוט וואָלט געווען וואַסער!

אַלטיטשקער: (אַ שלעפּ דעם לעצטן פאַרן אַרבל) קום, פראַנט, דו גייסט?

פראַנט: יאָ זיידעניו, קומט, קומט... און וואָס שנעלער.

אַלטיטשקער, פראַנט: (רוקן זיך ביידע אַרויס בגנבה, פאַרשווינדן).

מערהייט: (בנוגע דעם קאָמאַנדירס לעצטער פראַזע) יאָ, אונדזער וועגווייזער!

ברודער שטראָל: דאַן קומט אַלע אַצינד אין אונדזער טעמפּל — אין'ם טעמפּל פון קונסט און מוזיק. דאָרט וועלן מיר פריער אויסדריקן אונדזערע לידן, און זיך אָננעמען מיט מוט צו קאָנען העלדיש אַלצדינג דולדן אין קאַמף מיט אונדזער בלוטיקן שונא. (אָפּ — מיט אַ דראָענדיקן פינגער אָנגעשטעלט אויפן פינצטערניש, וואָס האַלט אין אָנקומען...).

אַלע: (פאָלגן נאָך ברודער שטראַל. נאָך אַ שטילקייט דער־טראָגן זיך פון ווייט אָפּגעריסענע טענער פון שובערטס „אַווע מאַריאַ").

פּאָרהאַנג

צווייטע בילד

(דאָס זעלביקע פעלד. אַלץ איז איינגעהילט אין אַ שוואַרץ פינצטערניש, ווי פאַר אַ שטורעם. עס פאַנגט אָן בליצן, דונערן... פון אַרום דערטראָגן זיך שווערע אָנקומענדיקע טריט און אָפּקלאַנגען פון אַ „בלאָז־אָרקעסטער, וועלכער שפּילט די אָווערטיורע „לייכטע קאַוואַלעריע" פון פראַנץ פאָן סופּפּע...
עס פאַנגט אָן שטורעמען. ווערט ווילדער און ווילדער. עס רייסט זיך אויף אַ דרייענדיקער ווירבל פון שטויב, און פונים שטויב שפּרינגט אַרויס — אומרעכט, רייטנדיק אויף אַ שוואַרץ גלאַנציק פערד מיט אַ פאַרפּינעטער מאָרדע און ברענענדיקע אויגן).

אומרעכט: (צווייטער קאָמאַנדיר. אַ ריזיגער, צעפלאָסענער קערפּער. גרייז־גרוי. רייט אַריין מיט קריגערישער חוצפּה... הינטער אים ציען זיך ענדלאָזע חילות מיט בליאַסקענדיקע פּויקן און טראָמפּעטן און באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס. מאַרשירן אַריין מיט אַ ברויזנדיקן פּירפּערטלדיקן טאַקט, לויטן טאַקט פון „לייכטער קאַוואַ־לעריע". אומרעכט, דורך אַן אויסגעשטרעקטער האַנט פאָרויס) שטיי!

חילות: (בלייבן שטיין אין פאָרמירטע שורות, ווי צוגעשמידט צו דער ערד).

אומרעכט: ביקסן צו די פיס!

חילות: (לאָזן אַרונטער די ביקסן פון די אַקסלען. שטייען ווי אָנגעצויגענע סטרונעס).

אומרעכט: (רייט פאַרביי די פאָדערשטע רייען, מיט מיליטערישער ווירדע, שטעלט זיך אָפּ; פרעגט) הערט אויס, מיינע אונטערטאַנען, מיינע געטרייע, פרייוויליגע דינער! עס רעדט צו אייך דער, וועלכן איר אַליין האָט זיך אויסגעקליבן און געקרוינט צו זיין אייער

הערשער און אייך האַלטן צוזאַמען אונטערן שוץ פון זיינע פליגל, זענט איר צופרידן צו בלייבן מיט מיר?

חילות: יאָ, דיין מאַיעסטעט!

אומרעכט: (ממזרש) האָט זיך אפשר עמיצן פון אייך דערעסן צו זיין אין מיין דינסט?

חילות: (שווייגן).

אומרעכט: ווער עס פילט זיך ביי מיר ענג און האָט עפּעס אויסצוזעצן, זאָל אַרויסטרעטן דריי טריט פאָרויס. איין רגע צייט. (אַ כוואַליעדיקע אומרואיגקייט צווישן די רייען. אייניגע טיילן רייסן זיך ניט־וואַגנדיק אַרויסצושפּאַנען; אַ שפּאַן, און צוויי צוריק . . .)

פראַנט, אַלטיטשקער: טרעטן אויף פון אַ זייט, שטעלן זיך אַוועק מין הצד צווישן אַ קוסטאַרניק, הערן זיך איין).

אומרעכט: (נאָך אַ קורצער פּאַוזע. צו די חילות) אַלע צופרידן צו בלייבן מיט מיר? דאָס פרייט מיך זייער. איצט הערט ווייטער. איך בין זיכער, אַז אייערע עלטסטע האָבן אייך שוין דערקלערט וואָס די פליכט פון יעדן איז און איצט וועל איך אייך מיט אַ פּאָר ווערטער דערקלערן דאָס איבעריקע: דאָס ערשטע, קיינמאָל ניט צו טראַכטן, אָדער דיינקען, דערפאַר וועט יעדער קריגן די שווערסטע שטראָף. און דאָס צווייטע איז — אויגנבליקליך דערפילן מיין יעדער וואָרט, מיט מיין יעדן וואונק. געהערט?

חילות: יאָ, דיין מאַיעסטעט!

אומרעכט: ווייסט איר איצט אייער אויפגאַבע, איר מיינע אייביקע דינער? שטעלט אָן אייערע אויערן און הערט זיך איין, וואָס איך, אייער פאָטער, דער אַלמעכטיקער הערשער פון דער גאָרער וועלט וויל פון אייך אצינד.

חילות: יאָ, פאָטער! ביזט אונדזער גאָט און דיין וואָרט — אונדזער געבאָט!

אומרעכט: שווערט דערויף!

חילות: (קושן די שווערדן און שפּיזן, — אַלס אויסדרוק פון שבועה).

אַלטיטשקער, פראַנט: (שטייען באַהאַלטן אין קוסטאַרניק, באַאָבאַכטן יעדער באַוועגונג — מיט אָנגעשטעלטע אויגן).

פראַנט: (שטיל) נו, אַלטיטשקער?

אַלטיטשקער: (קראַצט זיך, פאַרחקירהיט, אין בערדל).

פראַנט: דאָ אויך ניט אַזוי פריילעך . . .

אַלטיטשקער: (וויל ענטפערן, פאַרהוסט זיך) וואָרט אַ קאַפּיטשקע. זיך פריער אויסקאַכיקען. יאָ, דאָ איז דאָס שוין גאָר בתופים ומחולות און מיט שלעסער אויף די מיילער. אָבער לאָמיר שוין הערן וואָס וויל ער דאָ זאָגן — דער „פאָטער".

אומרעכט: (צו זייניגע) איצט, מיינע קינדער, ווען איר האָט געשוואוירן, קאָן איך אייך פריי דערקלערן דעם הויפּט צוועק פון איצטיקן צוזאַמענקום. הערט! . . (שטייט פאַר אַ רגע, מיט אַן אָנגעשפּיצטן בליק צו דער זייט הימל וואו ס'האָט אָנגעפאַנגען צוביסלעך זיך אויסלייטערן און די זון הויבט אָן אַרויסצוקומען. אומרעכט קאָרטשעט זיך צונויף, זעצט פאָר) אָט דאָרט, וואו עס שלאָגט מיט שיין און ליכט, דאָרט איז די הערשאַפט פון אונדזער שונא — די באַנדע בונטאַרן מיט זייער פירער דאָס אַקטיאָרל מיטן בלאַסן פּנים'ל און מיידלשן נאַרישן שמייכל. „ברודער שטראַל" — רופט ער זיך . . . תמיד בוי׳ערט ער און ענגבערט זיך דורך זיין וועג צו מיר דורך פאַרשידענע קונצן. שטעכט מיך דורך מיט די בליקן, ווי מיט שפּיזן. רייסט שטיקער פון מיין לייב. לאָזט ניט רוען. שטענדיק איז ער מיר אין וועג. פּלאָנטערט זיך פאַר די פיס און איך קאָן ניט טאָן מיין אַרבעט פריי. וויפל מאָל איך פאַרטרייב אים — עס העלפט ניט. וויפל מאָל איך האָב אים שוין ממש פאַרניכטעט און ער לעבט אַלץ אויף ווידער און ווידער — ווי אַ גלגול! כ'קאָן אים ניט פּטור ווערן. אָט ווי פון אונטער דר׳ערד וואַקסט ער פּלוצים אויס און פאַרשאַפט מירעגמת נפש. און אַזוי לאַנג ווי ער לעבט קאָן איך ניט זיין פאָלקאָם. דערפאַר האָב איך אייך מיינע קינדער איצט ווידער אַהער צוזאַמענגערופן; שוין צופיל רוקט ער זיך צו מיר אין די געגנטערס אַריין, — כ'מיין, צו אונדז . . . אָבער איצט מוז דאָס נעמען אַ סוף. איינמאָל פאַר אַלע מאָל. מיר מוזן אים אַרונטערוואַרפן פון עקזיסטענץ. מיר מוזן! און אָט באַלד וועט דאָס מוזן געשען! איך שפּיר שוין ווי ער קומט אָן. איר זעט די ווייסע פלעקן, אָט דאָס זענען סימנים פון זיין אָנקומען. איצט וועט איר איבערצייגן דאָס ממשות׳דיקייט פון אייער שבועה. איצט וויל איך זען ווי געטריי און איבערגעגעבן איר זענט

צו אייער פאָטער, דעם קיניג פון שאָטן און רו. געדענקט, איר האָט געשוואוירן. וועט איר האַלטן אייער שבועה?

חילות: יאָ, אונדזער קאָמאַנדיר! דו ביזט אונדזער פאָטער און האַר פון אייביק אָן און אויף אייביק וועסטו זיין אונדזער האַר און פאָטער!

אומרעכט: דאַן שנעל מאַכט זיך גרייט צום קאַמף. שאַרפט אייערע שווערדן וואָס שאַרפער. לעבן אָדער טויט — מיר מוזן זיגן! קיין געבעט, קיין געוויין זאָל אייך ניט אָפּהאַלטן. ווי פליגן זאָלט איר זיי אויסדרושען — די בונטאַרן! קיין סימן זאָל פון זיי ניט בלייבן. אונדזער הערשאַפט אונדזער פאָן זאָל פלאַטערן איבעראַל און ווי אַ ים זיך אויף אַלצדינג צוגיסן — אויב מיר ווילן זיין זיכער פון אונטערגאַנג. איינער דעם צווייטן זאָלט איר אויסשיסן און זיך ניט אונטערגיבן. מיר אָדער זיי — אָט דאָס איז די אויפגאַבע! האָט איר אַלע געהערט?!

חילות: יאָ, אונדזער פאָטער! אַלע געהערט!

אומרעכט: דאַן צו די וואָפן! שנעל!

חילות: (וואַרפן זיך צום געווער. שאַרפן שווערדן, רייניקן די ביקסן).

אומרעכט: (זיצט, ווי צוגעוואַקסן צום זאָטל, אויפן אומרואיקן פערד; זיין לייצעס פעסט אין די הענט. האַלט אַ שאַרף אויג אויף דער אַרבעט פון די חילות).

פראַנט: (צום יאַדעשליוון זקן) נו, אַלטיטשקער, געהערט? דאָ אויך דאָס אייגענע. „זיך אויסשיסן איינער דעם צווייטן"...

אַלטיטשקער: יאָ, ניטאָ וואו זיך צו באַהאַלטן. ניטאָ קיין עיר מקלט וואו אויסצולעבן רואיק די פאַרבליבענע פאָר יאָר, וואָס איך האָב נאָך צו לעבן... ניטאָ, ניטאָ...

פראַנט: „די פאַרבליבענע פאָר יאָר"... (ביטערליך) וואָס זאָל איך שוין זאָגן, זיידעניו; איך, וואָס איך גיי ערשט צום לעבן?.. (רייסט זיך אָפּ, ווערט מיטאַמאָל אַיינטשוויגן).

אַלטיטשקער: נו, שטשאָגעל; בלייבסט דאָ? איך גיי.

פראַנט: (מיטן קאָפּ אין די הענט) וואוהין, זיידע?

אַלטיטשקער: וואוהין?.. אין די וועלדער... צו די חיות... ווייט פון מענטשן...

פראַנט: ווייט פון מענטשן?.. (דורך אַן אויפגעבליצטער טרער אין אויג) ווייט פון מענטשן... (פּאַוזע).

אַלטיטשקער: נו, שטשאָגעל?

פראַנט: (אַרונטער-רייסנדיק די הוט פון קאָפּ) גערעכט, אַלטיטשקער, גערעכט. ווייט אַוועק פון מענטשן... ערגער קאָן שוין ניט זיין... איך גיי אויך מיט דיר, זיידעניו... איך גיי אויך מיט דיר — איידער איך ווער צעריבן פון די רעדער פון קריג. (אָפּ מיטן זקן, די הוט צוזאַמענגעדריקט אין דער האַנט. — פון ווייט דערהערט זיך דאָס שפּילן פון געבעט-מוזיק).

אומרעכט: (שפּיצט אָן דעם אויער, הערט זיך איין מיט אַ נערוויייאישן אויסדרוק; גאַלאָפּירט אַוועק — מיט אַן אָנגעשטעלטן קולאַק אויף דער אַרויסקומענדיקער זון).

פאָרהאַנג

דריטע בילד

(ערגעץ וואו אין אַ געדיכטן וואַלד).

ב ר ו ד ע ר ש ט ר אַ ל: (פֿאָרט אַריין, פֿון רעכטס, רייטנדיק אויף אַ ווייס פֿערד שוואַרץ־געפֿלעקט. באַלד נאָכן ערשטן קאָמאַנדיר־טרעטן אויף זיינע נאָכפֿאָלגער — אַן ענדלאָזע גרויסע, באַוואָפֿנטע מחנה. — ברודער שטראַל זיך אָפּשטעלנדיק). הערט איר, חברים, דעם קלאַנג פֿון שווערדן?

— יאָ, מיר הערן!

— מיר הערן!

ב ר ו ד ע ר ש ט ר אַ ל: דאָס גרייטן זיך דאָרט די פֿינצטערע ווערים צו פֿאַרניכטן אונדז.

נ אָ כ פֿ אָ ל ג ע ר: דאָס וועט קיינמאָל ניט געשען!

ב ר ו ד ע ר ש ט ר אַ ל: אָבער צוערשט וועלן מיר זיי אויפֿנעמען מיט געבעט, ליבע און געזאַנג.

א ו מ ר ע כ ט: (צייגט זיך אָן אַ זייט, לינקס, אויף אַ שוואַרץ פֿערד ווייס־געפֿלעקט. פֿאַר זיך) אָט ווי נאָענט ער איז שוין! (אָפּ. באַלד הערט זיך פֿון ניט ווייט זיין באַפֿעלערישע שטימע) צום געווער און פֿאָרויס! (אַן ערב־שטורעמדיקע שטילקייט. פּאַוזע. אומרעכט טרעט אויף מיט זיינע חילות, פֿון לינקס. ביידע קאָמאַנדירן קומען זיך צונויף־מען, שטעלן זיך אָפּ, מיט די פֿערד איינער קעגן צווייטן. אומרעכט אַפֿאָרט). פֿאָרט שוין אויך אויף אַ פֿערד, כאַ־כאַ־כאַ... (שטייען פֿאַר אַ רגע איינער קעגן צווייטן מיט אָנגעצויגענע בליקן, שווייגן).

ב ר ו ד ע ר ש ט ר אַ ל: האָסט שוין אויסגעביטן דיין שוואַרצן פֿערדאַטש אויף אַ ראַבער קאָניאַקע?

אומרעכט: דאָס איז מיין זאַך. ניט צוליב דעם בין איך אהער געקומען מיט מיינע אַרמייען. וואָס איך וויל וויסן איז — וואָס איז דאָס לעצטע וואָרט וואָס דו האָסט מיר צו זאָגן. זאָג דאָס שוין ארויס. ווילסטו מיט מיר שליסן פרידן, אָדער ווילסטו זיך שלאָגן און ווערן פאַרניכטעט?

ברודער שטראַל: ניין, אומרעכט —

אומרעכט: שטיל! מיין נאָמען איז, פאָטער!

ברודער שטראַל: (אָנגייענדיק) כאָטש איך האָב פאַר דיר ניט קיין מורא, ווייל מיינע בראַווע נאָכפאָלגער וועלן דיך אויף שטויב צערייבן, נאָר פונדעסטוועגן וויל איך דאָך מיט דיר רעדן וועגן פרידן.

אומרעכט: זייער גוט; זייער גוט, אָבער פריער מוזט איר זיך אַלע אונטערגעבן צו אונדז פאַר קנעכט.

ברודער שטראַל: ניין, אומרעכט —

אומרעכט: פאָטער איז מיין נאָמען, האָב איך געזאָגט!

ברודער שטראַל: (ווי פריער) פאַר קיין קנעכט וועלן מיר זיך קיינמאָל ניט אונטערגעבן און שלאָגן זיך בין איך אויך ניט איבעריק גערן — אויב מיר קאָנען דאָס נאָר אויסמיידן. פאַרקערט, איך וויל דו זאָלסט איבערגיין מיט גוטן צו אונדז — אין'ם קיניגרייך פון ליכט און שטראַלן.

אומרעכט: (פּלאַצט אויס אַ ווילדן געלעכטער) איז דאָס אַלץ וואָס דו ווילסט! זאָג, איך מוז דאָס שוין וויסן.

ברודער שטראַל: אומרעכט —

אומרעכט: פאָטער! פאָטער איז מיין נאָמען!

ברודער שטראַל: נו גוט, (דורך געצווימטן געלעכטער) ליבער פאָטער!.. קאָנסט מיך שוין ניט פון נעכטן, אמת? שוין ניט איינמאָל מיך פּרובירט פאַרטיליגן, ניין? טאָ צו וואָס פאַרשווענדן צייט און בלוט פאַר אומזיסט...

אומרעכט: שטילער! (רוקט זיך אָפּ וואָס ווייטער פון ם חיל). קום, אהער...

ברודער שטראַל: (צוטרעטנדיק) איך פאַרזיכער דיר, אַז כאָטש דו האָסט אָנגעדרודלט דיינע אַרמייען צו קריג ווי געהעריג און

זיי וועלן אַן צוויפל לייגן זייערע קעפּ, אָבער דו וועסט אונדז קיינמאָל ניט באַזיגן און דיין גאַנצער קאַמף איז אַן אומזיסטיקער. טאָ צו וואָס פאַרגיסן בלוט אומזיסט? וואָלט דען ניט בעסער געווען צו שליסן שלום און זיך אַלע פאַראייניגן אין אַ משפּחה פון חברים און פריינט?

אומרעכט: כ'האָב דאָס שוין געהערט. איז דאָס אַלץ וואָס דו האָסט מיר צו זאָגן?

ברודער שטראַל: אומרעכט, — אַך, ענטשולדיק... ליבער פאָטער; גנעדיקער פאָטער!.. איך וועל דיך רופן מיט וועלכן נאָמען דו ווילסט אַליין, אָבער איך בעט דיך, ווי אַן אמת'ן פאָטער — פאָלג מיך...

אומרעכט: כאַ־כאַ־כאַ!.. ניין, גענוג גערעדט. אויב אַזוי, דאַן וועלן מיר זיך מעסטן מיט די כוחות! צום קאַמף!

ברודער שטראַל: וואַרט, אומרעכט, וואַרט! קאָנסט נאָך ציען צוריק דיין וואָרט —

אומרעכט: ניט אויף בלוט פאַרגיסן. דערויף בין איך תמיד גרייט. דאָס איז דאָס איינציקע וואָס שטילט מיין טעמפּער. איך לאַך פון דיר, דו פאַרגרימירטער אַקטיאָר, מיט דיין גאַנצער באַנדע בונטאַרן!

ברודער שטראַל: נו גוט! אויב גוטע רייד האָבן ניט קיין באַטרעף, דאַן זאָל רעדן דאָס געווער! (צו זייניגע) צום קאַמף! (שווערדן־קלאַנג און קוילן־קנאַל פאַרהילכן די לופט. ביידע קאָמאַנדירן פאַרטראָגן זיך איינער אויפן צווייטן מיט די סאַבליעס, דועלירן).

אַלטיטשקער, פראַנט: (ביידע ווילד פאַרוואַקסן און פאַרחושדיט, שטעקן אַרויס די קעפּ פון אַ הייל, פאַרשטעלט צווישן געדיכטע קוסטעס).

פראַנט: (צום זקן) וואָס?! זע נאָר, זיידעניו, זע! אהער אויך געטראָפן!

אַלטיטשקער: כע־כע־כע... —

אמרעכט: (אַרונטער־פאַלנדיק פון זיין פערד) העלפט!.. העלפט אייער פאָטער!..

— (איינער פון די חילות, פייערט אָפּ אַ קויל אויפן ערשטן קאָמאַנדיר).

ברודער שטראל: אַך, מיין ברוסט!... (קוליעט זיך אַרונטער פון זאָטל, ציט זיך אויס אויף דער ערד) איך שטאַרב... איך...

אומרעכט: (קאַראַטשקעוועט זיך צו צום לעצטן, שלעפט פון אים אַרונטער זיין מאַנטל. — די גאַנצע אַרענע ווערט איינגעהילט אין פינצטערניש, בליצן, דונערן, קנוילן רויך און פלאַמען... הילכיקע קולות און געשרייען פון אַלע זייטן... די סומאַטאָכע און געשלעג שטייגט ווילדער און ווילדער... דער זקן, אַרום זיין הייל, לאָזט אַרויס אַ פאַרשטיקטן ווייגעשריי, — פון אַ געטראָפענער קויל, — פאַלט טויט. פראַנט שפּרינגט אויף, ווי וואַנזיניג, לויפט גלייך אין פייער אַריין. כאַפּט אונטער די ערשטע ביקס, פון אַ געפאַלענעם, וואָס קומט אים צו דער האַנט, מישט זיך אויס מיט די קעמפער פון ברודער שטראַליס נאָכפאָלגער...)

אומרעכט: (פרינדעט זיך איןים מלבוש פוןיט ערשטן קאָמאַנדיר; זיגרייך) ענדליך האָב איך מיינס דערגרייכט! דעם שונא פאַרניכטעט און איצט אונטערן מאַנטל, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר ליכט און פאָרשריט, וועל איך איבעראַל קאָנען אויפטרעטן און באַזיגן די גאַנצע וועלט — כאַ, כאַ, כאַ!.. (זעצט זיך אויף אויף זיין ווייס געפלעקטן פערד, אָפּ).

ברודער שטראל: (ליגט צעגויפגעדרייט; קוים צו הערן) זון, אַ, זון!... גיי אויף צוריק!.. גיי אויף צוריק!.. (קרעכצט, זיפצט... דער קאַמף צעפלאַקערט זיך — ברוזיקער און ברוזיקער...)

פּאָרהאַנג

עפּילאָג

(די זעלביקע נאַכט, דער זעלביקער וואַלד. ווייט קנאַלן קאַנאָנען, פלאַמען פלאַקערן און אַלץ איז איינגעהילט אין רויך און נעפל).

ברודער שטראל: (ליגט, דאָרט וואו ער איז געפאַלן. שטריינגט זיך אָן אויפצוהויבן. זעצט זיך אַנידער איינגעקאָרטשעט, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן די הענט. שניידט זיך איין מיט די אויגן אין דער ווייטקייט און מיט די אויערן אָנגעשטעלט צום אַרומיגן. נאָך אַ שווייגן) קיין סימן פון טאָג. נאָך אַלץ דער זעלביקער אומגליק, די זעלביקע מהומה... אַך, פינצטערניש, פינצטערניש!.. ווען וועט זיך דאָס ענדיקן!.. — (איינער פון זיינע נאָכפאָלגער לויפט פאַרביי, שטעלט זיך אָפּ, טרעט צו, בויגט זיך אַרונטער, קוקט זיך איין) ברודער שטראל?!

ברודער שטראל: יאָ, כ'בין פאַרוואונדעט, מיין ליבער חבר. וואָס הערט זיך דאָרט?

— (דורך ווילדער פרייד) מיר זיגן, ברודער שטראל! מיר זיגן!

ברודער שטראל: איבער וועמען? איבער די חילות? יאָ, איך האָב אין אייך גלויבן און איך בין זיכער אַז מירן באַזיגן די חילות. אָבער לויף שנעל, ברודער, און זאָג אָן דער וועלט, אַז אומרעכט האָט אַרונטערגעריסן פון מיר מיין מאַנטל, זיך פאַרשטעלט פאַר אַ הייליקן און איז אַוועק פאַרדיגן פאָרשריט — אַ פאָרשריט, וואָס פירט צו שקלאַפעריי און אונטערדריקונג. לויף שנעל, ברודער. זאָג אָן דער וועלט די סכנה. זאָל דאָס די וועלט וויסן און זיך ניט לאָזן אויפסניי פאַרפירן פון'ם פאָטער פון פינצטערניש, וועמעס נאָמען איז — אומרעכט!..